בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ג' פ' ויצא | תשע"א | סוטה: מ"ה:

# באריכט:

## באזוך ביי מרן רבינו שליט"א

נעכטן נאכט האט דער תולדות אהרן'ער רבי שליט"א וועלכער ווילט אצינד אין ניו יארק לטובת מוסדותיו, אפגעשטאהט א באזוך ביי מרן רבינו שליט"א בביתו נאוה קודש אויף איהעל קט. ווי עס האט זיך אנטוויקעלט א שיינע שמועס בדברי תורה און נאך.

הײנט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר מאיר שפילמאן הי"ו פון וומסב"ג, און הב' בן מוה"ר אהרן פראמאוויטש הי"ו פון וומסב"ג.

פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יושע הערש גליק הי"ו פון קרית יואל. נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געזאגט א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים.

## זמן כניסה היינט אין וומסב"ג

היינט נאכט וועט אי"ה זיין זמן כניסה ביי מרן רבינו שליט"אנ – ווי יעדן דינסטאג – אין ביתו נאוה קודש אין וויליאמסבורג, פון 8:00 ביז 11:00 אויפדערנאכט.

## דרשה בענין החזקת האסורי עמנואל אין מבצר הכוללים אין קרית יואל

היינט מיטאג האט אין מבצר הכוללים אין קרית יואל אויפגעטרעטן הרה"ג ר' שלמה רובין שליט"א וועלעכער האט מעורר געווען די חשובע בני תורה איבער דאס נחיצות פון ארויסהעלפן דעם חשוב'ן גאסט פון ארה"ק הר"ר ישעי' אשר זעליג אייכלער שליט"א מנהל בית חינוך לבנות על טהרת הקודש בעמנואל, וועלכער ווילט אצינד דאהי לטובת די אסורי עמנואל. דערנאך האט אויך דער חשובער גאסט אויפגעטרעטן פאר די אינגעלייט.

**ברכת מזל טוב**

**פאר אונזער חשובער ידיד און מיטהעלפער האברך היקר**

**ר' משה יוסף פריעדלאנדער הי"ו**

**צו די שמחה פון די געבורט פון זיין זוהן נ"ו**

**דער אויבערשטער זאל העלפן**
**ער זאל זעהן פיהל נחת**

***המערכת***

## לעצטע צוגרייטונגען צום דינער לטובת מוסדותינו הק' אין בארא פארק

אין בארא פארק ווערט אצינד געמאכט די לעצטע צוגרייטונגען צום יערליכען דינער לטובת די הייליגע מוסדות ווי עס ווערן נתחנך בליעה"ר אריבער 4,000 קינדער כ"י.

"מוסדות סאטמאר אין בארא פארק" האט תמיד סימבאלאזירט דאס בעסטע און העכסטע וואס די שטאט פארמאגט, זייענדיג די מוסדות הק' וואס זענען אלץ געפירט געווארן לויט די פונקטליכע הדרכות און אנווייזונגען פונעם מייסד המוסדות מרן רביה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע, וואס זיינע הדרכות זענען אלץ געווען נר לרגלם פון די געטרייע חברי הנהלת המוסדות על כל צעד ושעל.

ערשט נישט לאנג צוריק בעת מען האט אנגעהויבן דעם פרישן זמן הלימודים פון שנת תשע"א, איז די הנהלת המוסדות געווען שטארק פארנומען צוצולייגן די נייע קלאס-צימערן וואס האט זיך אויסגעפעלט כדי צו קענען אקאמאדירן דעם גרויסן בליה און וואוקס פון פרישע תלמידים ותלמידות כ"י. סיי אין די בנינים פון די תלמוד תורה, און סיי אין די בנינים פון די מיידל שולע בית רחל, זענען צוגעבויט געווארן פרישע חדרים און קלאס-צימערן, אין וועלכע זענען פלאצירט געווארן די פרישע תלמידים ותלמידות וואס זענען אריינגענומען געווארן אין די מוסדות הק'.

דאס איז בכמות, ופי כמה שטייגן די מוסדות הק' "באיכות". די געטרייע חברי הנהלה רוחני פון די מוסדות זוכן אלץ מוסיף זיין הוספות בקודש, אריינצוברענגן אין די קינדער אהבת תורה ויראת שמים, ולמעלה אין להם שיעור, איז מען כסדר מטכס עצה וואס צו טון, כדי נאך מער צו הייבן דעם ניווא און סטאנדארט פונעם חינוך אין די הייליגע מוסדות.

אין צוגאב צו די בעפארגרייטונגען צו שאפן די גרויסע געלטער צום מעמד הדינער, איז דאס יאר צוגעגרייט געווארן א רייכער פראגראם פון וואס די משתתפים וועלן בעזהשי"ת שטארק נהנה זיין.

דער דינער וועט אפגעראכטן ווערן אין די זאלן פון "עטרת חי"" אין צענטער פון בארא פארק, וואו עס וועט זיין צוגעגרייט א רייכע סעודת מלוה מלכה פאר אלע משתתפים ומתנדבים בעם. באזונדערע עסקנים זענען געשטעלט אויפצונעמען דעם גרויסן ציבור, און יעדן צו פלאצירן איש על מחניהו וגדגלו. עקסטערע טישן וועט זיין צוגעגרייט פאר די אברכים ובעלי בתים, אז יעדער זאל קענען זיצן צוזאמען מיט סיעת מרחמוהי און פארברענגן שעות של קורת רוח אין א גייסטרייכע אטמאספערע.

דער דינער אנטשפרעכט צו זיין א געהויבענער און גייסטרייכער מעמד, וואס לוינט נישט צו פארפאסן.

***-נעמט אויף די עסקנים בסבר פנים יפות-***

## וויכטיגע מסיבה היינט אין מאנסי

אין מאנסי קומט היינט פאהר א זייער וויכטיגע מסיבה פאר א גאהר וויכטיגע הכנסת כלה צוועק אין שטוב פון מוה"ר שלום יוסף אברעלאנדער אויף .9 WALTER DR ווי

אנשי שלומינו וועלן זיך אי"ה משתתף זיין אין די מאסן ארויסצוהעלפן דעם חשובע'ן צוועק.

༺•༻

## ניחום אבלים

ביי משפחת המנוח הרה"ח ר' ישראל דוב ב"ר שלמה זלמן הלוי ווערצבערגער ז"ל פון מאנטריאל, זיצט מען שבעה ביז ערש"ק נאכמיטאג.

מען זיצט שבעה אין זיין שטוב אין מאנטריאל אויף 5458 Hutchison

דער נומער ווי מ'קען רופן איז 514-271-5852

***ובלע המות לנצח***
***-בשורות טובות-***

༺•༻

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויף ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**